שנה ג'
נומער ק"ל
**פרשת בהעלותך**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל




# ארויפגעלייגט ווערטער אויפ'ן קרן הדפסה בנין

## אין שטעטל

**גאסט ארטיקל:**
א גאסט אויף א מייל זעט אויף א ווייל

**הפצה אפטיילונג:**
אינטערסאנטע מעשה פון הפצה

א נקודה ארויסגענומען פונעם יום טוב שבועות אין שטעטל



א גריס פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע ברויז אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו צו דער רעדאקציע

### מען לאזט די קינדער לעבן

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

אלס א איינוואוינער אין ירושלים וויל איך אייך באדאנקען פאר דעם שיינעם בלעטל וואס איר געט ארויס, די שטוב לעבט דערמיט יעדע וואך, איך גיי יעדע וואך דאווענען אין היכל הקודש מיט מיינע זון, אבער מיינע מיידלעך וואו זאלן זיי מיטהאלטן וואס טוט זיך אין היכל הקודש? אבער פון ווען ס'איז דא די בלעטל קענען זיי פונקטליך אלעס מיטהאלטן.

א אינטערסאנטע נקודה וואס איז געווען אויף די דעקל פאריגע וואך, מען האט געלייגט א בילד פון די פריילעכע טענץ מוצאי שבועות, מיינע קינדער ווייזן מיר: "טאטי קוק די קינדער קריכן אויף די שטאנגען אינמיטן די שול, וויאזוי קען זיין אז מען לאזט זיי אזוי קריכן, און קיינער שרייט זיי נישט אן?".

ס'איז געווען פאר זיי אזא חידוש אז מען לאזט קינדער זיך אויסגעבן, און מען זאגט זיי נישט א גאנצן צייט, גיי נישט, קריך נישט, שטער נישט, פשוט מען לאזט לעבן די קינדער, און אויסוואקסן געזונטערהייט.

חזקו ואמצו מיט אייער הייליגע ארבעט.

א.ר. ארץ ישראל

## זמנים Liberty

**פרשת בהעלותך י"ט סיון תשפ"ב**

**הדלקת הנרות........ 08:17**
**מוצאי שבת ............ 09:48**
מנחה מעריב שלח . 09:20

**דאנערשטאג מנחה 8:45. מעריב נאכ'ן שיעור**


מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה דוד ראבינאוויטש הי"ו**
**וזוגתו חי' גיטל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.


## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 17 | 79°/53° | Scattered Thunderstorms |
| Sat 18 | 69°/48° | Partly Cloudy |
| Sun 19 | 70°/50° | Partly Cloudy |
| Mon 20 | 73°/54° | Partly Cloudy |
| Tue 21 | 76°/56° | Partly Cloudy |
| Wed 22 | 79°/59° | Partly Cloudy |
| Thu 23 | 79°/58° | Scattered Thunderstorms |
| Fri 24 | 77°/58° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# א נקודה מיטגעטמען פון דעם דערהויבענעם יום טוב שבועות אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

נאך אזא שיינעם דערהויבענעם יום טוב שבועות אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, וויל יעדער איינער מיטנעמען דעם יום טוב אויך אויף ווייטער, און עפעס איינקעשן אויף לעובדא ולמעשה.

חז"ל זאגן (ברכות נח:) **כשם שפרצופיהם שונות כך דעותיהם שונות**, אזוי ווי יעדער זעהט אויס אנדערש, אזוי אויך טראכט יעדער אנדערש. עס וועט זיין אינטערעסאנט צו זעהן וויאזוי יעדער איינער נעמט ארויס א אנדערע נקודה פון דעם יום טוב, וואס דאס האט אים גאר שטארק געכאפט, און דאס נעמט ער מיט אויף ווייטער.

מיר האבן אויסגעפרעגט געציילטע פון אנשי שלומינו וואס זייער נקודה איז, מיר זענען נישט אנגעקומען צו יעדן איינעם, עס איז ממש נישט מעגליך אנצוקומען צו יעדן פערזענליך פרעגן זיין נקודה, ביים קומענדיגן געלעגענהייט אם ירצה השם האפן מיר צו פרעגן אנדערע אינגעלייט און בחורים וואס מ'איז יעצט נישט אנגעקומען צו פרעגן.

**לייענט און האט הנאה**

**המערכת**

## שלמה יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

איך האב ארויסגענומען פון די הערליכע שיעורים דעם שבועות גאר שטארקע חיזוק אויף צוריק אנהייבן מיט א שטארקייט מיינע שיעורים כסדרן, ובפרט חיזוק אויף לערנען דעם דף גמרא חק ולא יעבור.

## אייזיק ראטה - וויליאמסבורג:

דער ראש ישיבה האט געזאגט די ערשטע נאכט פאר מעריב א מדרש פליאה: "דער מדרש זאגט אז גלייך ווען דער אייבערשטער האט געזאגט דעם ערשטן דיבור "אנכי השם", האט משה רבינו אויסגעשריגן מיט פרייד "ברוך שלא עשני גוי".

אלע שטעלן זיך דערויף, וואס האט א שייכות "שלא עשני גוי" מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט געזאגט "אנכי השם", אבער דער אמת איז, עס איז בכלל נישט קיין מדרש פליאה, מיט'ן רבין'ס לימודים איז עס גאר פשוט. ווען משה רבינו האט געהערט אז דער אייבערשטער איז אלעס און מאכט אלעס און צו אים קען מען רעדן ווי אימער, האט ער זיך אנגעהויבן גאר שטארק פרייען אז ער איז א איד, און טאקע דערפאר האט ער גלייך אויסגעשריגן "שלא עשני גוי".

## מרדכי היימליך - קרית ברסלב:

ביים ראש ישיבה דארף נישט זיין קיין חידושים, מ'האט זיך פשוט מחזק געווען פון פריש מיט די פשוט'ע אבער געוואלדיגע עצות וואס דער ראש ישיבה רעדט שטענדיג, דאס איז דער דרך הלימוד, רעדן צום אייבערשטן און שלום בית.

אזוי אויך אלע תפילות זענען געווען מורא'דיג ווארים און שיין איך האב זיך גאר שטארק מחי' געווען.

און צום לעצט, זיין צוזאמען יום טוב מיט אנשי שלומינו פון שטעטל און פון איבעראל איז געווען עפעס גאר געשמאק און דערהויבן.

## אשר לעמל זוסמאן - קרית ברסלב:

שבת צופרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין "בית המדרש עצתו אמונה". נאכ'ן דאווענען ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה פארציילט מעשה ה' פון דער בן מלך וואס איז געווען פון אבנים טובות.

איך האב געשפירט אז דער ראש ישיבה רעדט צו מיר פערזענליך יעדע ווארט, אז יעדער איד איז פיל מיט אבנים טובות - וואס דאס זענען זיינע גוטע מעשים, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער צדיק האט געזאגט מ'זאל צאמנעמען אלע אבנים טובות פון די וועלט, דאס הייסט אז יעדער מענטש דארף צאמנעמען אלע זיינע גוטע זאכן וואס ער טוט און זיך אנהייבן מחי' זיין דערמיט,

<<<<

דעמאלט ווערט דער מענטש א גליקליכער מענטש - א בן מלך פון אבנים טובות.

## יוחנן שור- ירושלים עיר הקודש:

ברוך השם איך האב געהאט די זכי' מיטצוהאלטן א שבת און יום טוב שבועות אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה.

איך בין ארויס פון התפעלות פון די אחדות אין שטעטל, עס איז עפעס וואס ווערטער קען נישט ארויסברענגען. יעדער נעמט יעדן אויף מיט אזא געשמאק, מ'נעמט מענטשן עסן די סעודות, מ'רעדט שיין איינער צום צווייטן, און מ'העלפט זיך אזוי שיין, דאס איז די ערשטע זאך וואס איך האב געזען דעם יום טוב.

אויך די תפילות יום טוב איז געווען הערליך שיין, דער ראש ישיבה האט געדאוונט גאר שיין ביידע טעג, איך האב געהאט א שטארקע התעוררות פון די תפילות.

נאך א זאך, די תיקון ליל שבועות וואס דער גאנצער עולם האט געזאגט צוזאמען און די ניגונים וואס מען האט געזינגען איז געווען אומבאשרייבליך שיין.

וואס זאל איך זאגן, ס'איז געווען א הערליכער יום טוב, עס האט זיך געלוינט די שפעזן.

## יואל שניטצלער - קרית ברסלב:

זיין א תלמיד פון דער ראש ישיבה האט מיך געלערנט אז שבועות איז א ליכטיגע פרייליכע יום טוב, א צייט וואס מיר זאגן פאר'ן אייבערשטן "שכוח אייבערשטער פאר די הייליגע תורה וואס דו האסט אונז געגעבן, מיר זענען דאס נאכאמאל מקבל פונדאסניי, און מיר ווען פרובירן צו פאלגן אלעס וואס שטייט אין די תורה און אויסשטעלן אונזער לעבן לויט די תורה".

פון די אנדערע זייט זאגט אונז דער אייבערשטער "ענק זענען מיין באליבטע פאלק, איך האב ענק געגעבן די תורה ווייל איך האב ענק ליב, און אז איר וועט פאלגן וואס שטייט אין די תורה וועט ענק גוט זיין".

דאס האב איך היי יאר שבועות מקבל געווען ביים ראש ישיבה, און דאס האב איך גערעדט און געשמועסט ביי די יום טוב'דיגע סעודות. שכוח אייבערשטער!

## יוסף הכהן פריעדמאן - קרית ברסלב:

איך האב געפרעגט מיין זון וואס איז געווען די בעסטע זאך יום טוב? זאגט ער מיר די בעסטע זאך איז געווען צו גיין די לאנגע וועג פון מיין הויז ביז די שול אויף האשקי צו קענען מיטהאלטן די הערליכע דאווענען פונעם ראש ישיבה.

## מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב:

איך האב זייער הנאה געהאט פון דעם ווארט וואס דער ראש ישיבה האט דערמאנט, אז דער יצר הרע ווערט אנגערופן מלך "זקן" וכסיל ווייל ער דערמאנט אלץ דער מענטש די אלטע מעשיות וואס דער מענטש האט געטון, און אזוי צוברעכט ער דעם מענטש מען זאל נישט קענען אנגיין אין עבודת השם.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "וואס ס'איז געווען נעכטן גייט מיר נישט אן, ס'אינטערעסירט מיר נישט פונקט ווי ס'אינטערעסירט מיר נישט וואס איז געווען אין מיין פריערדיגן גלגול".

אויך האב איך הנאה געהאט דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ביים אהיימגיין פון בית המדרש "אשר בנחל" פרייטאג צונאכט'ס און נאך אפאר מאל דארכאויס דעם שבועות: "די מענטש פון שטעטל ווייסן נישט וואס זיי שפארן איין, אז מ'קען גיין אין גאס אן ווערן פארברענט, נאר פארקערט מען זעט נאר דעם אייבערשטן איבעראל, אין שטאט מ'גייט נאר ארויס פאר איין מינוט און מען ווערט באלד פארברענט".

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "איך רעד נישט פון איינער וואס וויל נישט זיין גוט, איך רעד אפילו איינער וואס וויל זיין אן ערליכער איד דארף רחמי שמים זיך צו קענען דערהאלטן, אבער דא אין שטעטל איז דאך ממש א מחי'".

## יוסף יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

אלע פרטים פונעם יום טוב איז געווען זייער שיין, אבער וואס מיך האט געכאפט איז געווען ווען דער ראש ישיבה האט אויסגערופן דעם צווייטן טאג יום טוב נאכ'ן קידוש אז ער בעט יעדער איינער בלי שום יוצא מן הכלל זאל קומען נאכמיטאג צום כתיבה ליינען און נעילת החג, ווייל ער וויל זאגן גאר א וויכטיגע זאך.

און וואס האט דער ראש ישיבה סך הכל געבעטן? מען זאל רחמנות האבן אויף זיך אליינס און האבן שלום בית. און דער ראש ישיבה האט נאכאמאל קלארגעשטעלט די איינציגסטע אבער וויכטיגע תקנה אינעם שטעטל אז מ'מוז האבן שלום בית.

מ'האט געקענט מיינען פון די דרשה אז מ'טוט א

<<<<

טובה פאר'ן ראש ישיבה אויב מען לעבט זיך א גוטע לעבן אינדערהיים, ווען דער אמת איז אז דער ראש ישיבה וויל נאר אז 'מיר' זאלן האבן א גוטע לעבן.

## רפאל פורסט - קרית ברסלב:

מיר האט זייער געכאפט די ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די גאנצע מתן תורה האט נאר געקענט קומען דורך משה רבינו ווייל נאר דורך א צדיק וואס לערנט אויס און איז כסדר מחזק, נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג און זיין ערליך.

אויך דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ביים שיעור אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל זאגן פאר די אידן "שובו לכם לאהליכם" גייט אהיים און האט שלום בית אינדערהיים. אהיימגיין צו די ווייב און זיך קענען פארטראגן, קען אויך זיין נאר דורך א צדיק, דייקא ער קען דיר ווייזן דעם וועג וויאזוי מען קען האבן א גוט לעבן אינדערהיים.

## יוסי פרעראו - בארא פארק:

צוויי נקודות וואס איך געדענק יעצט, איינס איז דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים די דריי צייטן פון יאר; ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט גרעטעוועט ווערן פונעם עונש פון עולם התוהו, האט דער ראש ישיבה געזאגט ביי איינע פון די שמועסן אז נישט נאר אויף יענע וועלט ווערט מען גרעטעוועט פון עולם התוהו נאר אויך אויף דער וועלט, ווייל ס'קען אריבערגיין זיבעציג יאר פון א מענטש'ס לעבן אבער ער איז אין עולם התוהו ווייל אויב רעדט מען נישט צום אייבערשטן און מען לערנט נישט איז מען אין עולם התוהו, אבער ווען מען קומט צום רבי'ן וועקט אונז דער רבי אויף מען זאל לעבן אויף דער וועלט.

צווייטע נקודה; שבועות ביינאכט איז א גרויסע צייט וואס מען קען בעטן און וואס מען בעט באקומט מען, האט דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף נישט ווארטן אויף סוף נאכט ווען מען פאלט שוין פון די כוחות און דעמאלט בעטן אלעס וואס מען דארף, נאר פון ווען עס ווערט די זמן איז שוין די הייליגע צייט. דאס איז א נקודה וואס מען קען שטענדיג מיטנעמען, אז ווען עס איז א שעת הכושר, דארף מען זעהן שוין דאס אויסצוניצן, און נישט ווארטן ווען עס איז שוין די לעצטע מינוט.

## אייזיק ראטה - קרית ברסלב:

יעדע תפילה וואס דער ראש ישיבה האט געדאווענט פאר'ן עמוד האב איך נאכאמאל געהאט א הרהור תשובה און זיך פארגענומען צו אנהייבן פון יעצט זיין אן ערליכער איד און אנפאנגען צו לערנען און דאווענען. די תפילות איז געווען מיין עונג יום טוב.

## אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב:

ווען איך קוק צוריק אויף דעם הערליכן יום טוב שבועות וואס איז געווען דא אין שטעטל קען מען ארויסברענגען הונדערטער שיינע נקודות.

אבער איך האב בעיקר געקוקט וואספארא רושם די געהויבענע שבועות אין שטעטל וועט לאזן אויף א טאג נאך שבועות, און אויף א טאג נאך א טאג נאך שבועות, ביז ערב שבועות פון קומענדיגע יאר הבעלל"ט.

די שבועות אין שטעטל גיבט מיר כח פאר נאך א יאר צו עפענען מייל מויל יעדן טאג און זאגן אפאר דיבורים צום אייבערשטן. נאך א יאר **דאווענען** ח"י פרקים משניות, נאך א יאר **זאגן** די ווערטער פון די הייליגע גמרא, בבלי, ירושלמי, תוספתא. נאך א יאר פון **זאגן** יעדן טאג חומש רש"י מיט תרגום. נאך א יאר פון וויסן אז **שלום בית** איז נישט נאר א שיינע זאך, נאר איז א יסוד אין אידשקייט.

סך הכל איז אז איין טאג וועל איך אוועקגיין פון די וועלט, און וואס איך כאפ אריין דא נאר דאס וועט בלייבן מיט מיר.

## אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:

מ'עסט מילכיגס שבועות צו ווייזן אז מ'קען יעצט אנהייבן פון דאסניי פונקט ווי א בעיבי וואס עסט נאר מילך.

איך האב זיך ממש מחי' געווען מיט די תפילות וואס דער ראש ישיבה האט געדאווענט פאר'ן עמוד, ס'האט גע'עפנט מיין הארץ צום אייבערשטן.

די וועגן צו און פון שול איז געווען מעין עולם הבא, מען קען גיין פאר א שעה און א ציה זעענדיג נאך דעם אייבערשטן, ביימער און גראז.

## יוסף שניטצלער - קרית ברסלב:

מ'האט געשמועסט ביי מיר אינדערהיים וועגן די שווועריקייטן פון גיין דעם לאנגן וועגן יום טוב דאווענען אין האשקי צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה, האט זיך איינער אנגערופן זייער גוט "דאס וואס דו האסט ברוך השם צוויי געזונטע פיס איז דייקא געמאכט פאר דעם יום טוב ווען דער ראש ישיבה קומט".

<<<<

## יואל מאשקאוויטש - קרית טאהש:

איך האב די מערסטע הנאה געהאט פון די תקנה וואס דער ראש ישיבה האט אוועקגעשטעלט אין שטעטל, אז מען מוז האבן שלום בית, נאר אזוי קען מען דא וואוינען.

אויך האב איך זייער באוואונדערט די אחדות וואס איז דא אין שטעטל, א גאסט שפירט דאס גאר שטארק, וואס זאגט די וועלט "א גאסט אויף א ווייל זעט אויף א מייל".

## שלום אלי' אינדיג - קרית טאהש:

אין ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט גייט מיר נישט ארויס פון קאפ, דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי נעילת החג אז א מענטש, זאל ער זיין ווי אנגעצויגן און נערוועז עס זאל נישט זיין, אדער אונטער געפערליכע דרוק, ווארט ער קיינמאל נישט געוומען א מעסער און זיך אריינגעשניטן אין די פינגער מיט'ן תירוץ אז "איך בין יעצט אונטער פרעשור" אדער "דארפסט מיך פארשטיין, איך גיי יעצט דורך עפעס געפערליך אין די ביזנעס" און אזוי וויטער ווייל ער ווייסט אז "דאס טוט מען נישט".

די זעלבע זאך - האט דער ראש ישיבה געזאגט - דארף א מענטש וויסן ביי זיך אז שרייען און שטעכן אדער 'אריינשניידן' אין די ווייב מיט שארפע ווערטער און געשרייען איז א זאך וואס "איך קען נישט טון".

אויך האב איך זייער הנאה געהאט פון דעם תיקון ליל שבועות וואס מען האט אזוי שיין געזאגט צוזאמען די ערשטע און די לעצטע פסוק פון יעדע פרשה, איך האב זיך געפרייט אז 'איך' קען אויך זאגן די 'גאנצע' תיקון ליל שבועות. ווייל אז מען לייגט נישט צו מער ווי מען דארף קען יעדער איינער עס טון.

## אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

פרעגסט מיר וואס איך האב ארויסגענומען עפעס א נקודה פונעם יום טוב, וועל איך דיר זאגן; ביי איין שיעור האט דער ראש ישיבה שטארק ארום גערעדט פון זיך אויפפרישן מיט די שיעורים כסדרן, און אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן בנוגע לערנען גמרא: "עס איז גוט צו האבן אפאר שיעורים אין גמרא, די וויכטיגסטע איז די דף הקהילה, דערנאך א שיעור אין א מסכתא וואס מען לערנט הונדערט און איין מאל, א שיעור אין ש"ס כסדרן אנגעהויבן פון מסכת ברכות, אויך א שיעור אין מסכת שבת לכבוד שבת, א שיעור לכבוד יום טוב פון די מסכתא פון יענעם יום טוב, און אויך א עולם הבא מסכתא.

דאס האט מיר עפעס זייער געכאפט, ווייל אלץ זיכט מען א שטופ צו לערנען זיבן דפים גמרא א טאג, אבער וואו הייבט מען אן, דא האב איך געהערט עפעס א נייע געדאנק אין דעם.

איך האב גלייך געטוהן לעובדא ולמעשה און אנגעהויבן א שיעור אין די אלע מסכתות ברוך השם, איך האף עס וועט אנהאלטן א לאנגע צייט, און נישט עס זאל זיין סתם לופט וואס גייט אן נאר פאר אפאר טעג.

## איציק מענדלאוויטש - בני ברק:

"שכח אייבערשטער" איך האב זוכה געווען צו עסן אלע סעודות יום טוב שבועות ביים ראש ישיבה. איך בין נישט קיין שרייבער און איך קען נישט שרייבן פינקטליך אזוי שיין יעדע סעודה, און איך קען אויך נישט געדענקען אלע פרטים, אבער אביסל וואס איך געדענק קען איך איבערגעבן.

דער ראש ישיבה האט לעצטנ'ס דערמאנט דעם ענין פון "א שבת טיש ביים ראש ישיבה" אז מ'שרייבט נאר שיינע זאכן וויאזוי די סעודות ביים ראש ישיבה זענען אלס אזוי רואיג און שיין... איך וועל שרייבן אנדערע זאך וואס איך האב געזען ביי די סעודות.

ברוך השם יעדער קינד איז זיס און יעדער ווייל מיטהאלטן די סעודה, איך האב געזען ווי דער ראש ישיבה מיט שכל נעמט יעדע קינד מיט זיין נקודה און מיט דעם מאכט דער ראש ישיבה אים זיצן און הנאה האבן פון די סעודה. כמעט יעדע סעודה זאגט דער ראש ישיבה אז יעדעס קינד דארף עפעס צו געבן פאר די סעודה; א מעשה, א תורה, א חידה, אדער א וויץ (joke), נישט יעדער קליין קינד ווייסט וויאזוי צו פארציילן א וויץ, אבער דער ראש ישיבה וויל אז יעדער זאל מיטהאלטן, און אז א קינד ווייסט נישט אליינס העלפט אים דער ראש ישיבה ער זאל שפירן ווי ער איז די זאך און ער מאכט יעדעם לאכן.

למשל ביי איין סעודה האט דער ראש ישיבה געשיקט איין קינד צו די מאמע זי זאל אים זאגן עפעס א וויץ ער זאל קענען פארציילן, אזוי האט ער געקענט זיין ווי זיינע גרויסע ברידערס וואס קענען שוין אליין פארציילן א וויץ, און ער האט געמאכט דער עולם לאכן...

אזוי אויך איין קינד טיילט די אייסעס און פרעגט יעדן וואס מ'האט ליב, און וועלכע קאליר אייסעס מ'וויל און נאך שיינע שאלות וואס מאכן יעדן לאכן.. ביי אלע סעודות דער ראש ישיבה געבעטן די קינדער זאלן העלפן

<<<<

טיילן די עסן ביים טיש.

און דער עיקר וואס איך האב געוואלט שרייבן און איך האף אז מען זאל עס טאקע דרוקן; איין סעודה האט איינער פון די קינדער געבלאזן און נישט געוואלט זיצן ביים טיש, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "מאמי פאר וואס בלאזט ער? זאל ער קומען בלאזן לעבן מיר, עס איז מיר הייס..."

דער ראש ישיבה האט געוואלט ער זאל זאל עסן פיש, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "אפשר ווילסטו חריין? האט ער געזאגט "ניין" האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "חלה? ניין. "פיש?" ניין. "אה", זאגט דער ראש ישיבה, "אפשר ווילסטו פיש זאפט? דא איז דאס קינד שוין פריילעך געווארן און געזאגט מיט א שמייכל "יא!" זאגט אים דער ראש ישיבה גיי צו די צווייטע זייט טיש און ברענג די פיש זאפט. ווי ביי אלע מעשה'לעך, האט זיך די טעלעך פיש זאפט אויסגעגאסן אויף דער ערד... און אויך איז דאס קינד געווארן היבש אנגעגאסן, דאס קינד איז געקומען צו די טיש אבל וחפוי ראש... זאגט אים דער ראש ישיבה שטרענג: "עפעס האט זיך אויסגעגאסן און די גייסט ווייטער?"

אבער גלייך שפעטער ווען ער איז שוין געקומען עסן האט ווייטער דער ראש ישיבה אים פרובירט פריילעך מאכן ביז ער איז געווארן צופרידן. גלייך נאך דעם פרעגט מיר דער ראש ישיבה? "קענסטו מיינע קינדער? דער קינד איז א טייער קינד"... אזוי אויך גאנץ יום טוב ביי די סעודות האט מיר דער ראש ישיבה אזוי געזאגט: דאס קינד איז א טייער קינד".

איך האף אז מען זאל טאקע דריק'ן וואס איך האב געשריב'ן ככתבו וכלשונו, און די אלע תורות און שיינע זאכן וואס מען האט געשמועסט ביי די סעודות איבער'ן יום טוב קען מען פרעגן ווער סאיז דארט געווען, ווייל וואס איך האב דא געשריבן ווערסטו הערן נאר דא...

## משה ארי' שניטצלער - וויליאמסבורג:

ווען איך הייב אן צו טראכטן פון דעם הערליכ'ן יום טוב שבועות אין קרית ברסלב ווייס איך נישט וואו אנצוהייבן, וואס קען איך זאגן? וואס קען איך שרייבן? יעדע רגע איז געווען הערליך הערליך, נישט דא קיין ווערטער.

די גרעסטע זאך וואס איך האב געפילט, אזוי ווי מ'זאגט "וואס איך נעם אהיים" איז געווען ווען דער ראש ישיבה האט געזינגען דעם צווייטן טאג יום טוב ביים קידוש דעם הארציגן גמרא ניגון, כ'האב געמיינט איך גיי אויס, די גמרא זאגט אז ווען מ'הערט די שירה פון מלאכים שטייען אויף די טויטע, איך ווייס נישט ווי אזוי די וועלט טייטשט דאס, אבער לויט די נוסח ווי אזוי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אפגעלערנט מאמרי חז"ל מיינט עס זייער פשוט, א מענטש הערט א גאנצן טאג "דו ביסט גארנישט" "וויפל דו טוסט האסטו נאכנישט אנגעהויבן צו טון דיין פליכט" "אמאל איז געווען וואוילע פשוט'ע אידן, היינט איז גארנישט דא" ועוד ועוד כידוע, פלוצלונג הערט ער א זיסע קול וואס זאגט אים "דער אייבערשטער האט באשאפן א זאך וואס הייסט תחיית המתים! דאס איז איינע פון די דרייצן אני מאמין'ס! א טויטער קען ווערן לעבעדיג! אפילו איינער וואס איז חייב מיתה קען זיך אויפלעבן!" ווען א מענטש הערט דעם זיסן קול הייבט ער אן לעבן, הייבט ער אן טון וואס ער קען.

ווען דער ראש ישיבה זינגט די הערליכע גמרא ניגון איז עס נישט קיין טויטע זאך, ס'איז נישט א זאך וואס מארגן נאך יום טוב פליט עס אוועק. איך פלעג אסאך גיין צו רבי'ס, משפיעים, אדמורי"ם, תלמידי חכמים, אלעס גוט און פיין, איך בין אבער אלץ געבליבן הונגעריג, אויסגעהונגערט. ביז איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש און דער ראש ישיבה וואס רעדן "ביזנעס". האסט א ביסל חומש אין דיין אקאונט? א ביסל משניות? האסט "היינט" געעפנט א גמרא? האסט היינט גערעדט שיין אינדערהיים? האסט היינט גערעדט שיין אין ארבעט? האסט היינט געטראכט "דער אייבערשטער איז דא" "קיינער קומט מיר גארנישט" "אלעס איז פון אייבערשטן"?

פאר איך בין געקומען צו מוהרא"ש האב איך געקוקט אויף געמאכטע עובד'ישע געפראווענאכץ אביסל אזוי ווי א בחינה פון "קאטן קענדי" דאס מיינט "אסאך זיס - וויייניג אינהאלט" כאפ עס, עס עס אויף, די קינדערישע צינג וויל מער און מער פון דעם, געגעסן האסטו, הונגעריג ביסטו, דיין מאגן איז ליידיג, דיין מח איז פאר'שיכור'ט פון צוקער, דיין הענט איז קלעבעדיג, דיין העמד איז שמוציג, וואס האסטו אויפגעטון?

איך פלעג ליב האבן עובד'ישע קונצן פונקט ווי א צווייטער, אבער אז דו לייגסט קאטן קענדי (אין ארץ ישראל רופט מען עס "יאמבאמבאם") לעבן א פיינע געשמאקע פרישע קריספי חלה מיט פיש און קוגל מיט טשאלנט און קושקע וועסטו שוין גלייך וויסן וועלכע צו כאפן. נעם די העכסטע געשמאקסטע עובד'ישע מעשיות און לייג עס לעבן זאגן גמרא, זאגן משניות, **טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה**, אז מ'טעיסט עס איינמאל, לאזט מען עס נישט אפ קיינמאל, זאל זיין וואס זאל זיין.

<<<<

במילא, ווען דער ראש ישיבה זינגט אזוי שיינע ווארימע ניגונים, טראכט איך ביי מיר, כ'האב דאך געקענט יעצט זיצן מיט ווארימע ניגונים ביי עפעס א עובד'ישע "העכערע סארט" חבורה און אהיימגיין מיט א ליידיגע מאגן אנגעפילט מיט קאטן קענדי', א מח אנגעפילט מיט זיסע יומא דפגרא'דיגע געשיכטעס פונעם "עכטן" אמאל.

יעדע מאל איך דערמאן זיך דעם ניגון ווערן איך פאר שמחה אויף די גרויסע נס אז איך קען זאגן גמרא ווי א קליין קינד, **"אוי תורה תורה תורה הקדושה, תורה תורה תורה תורה הקדושה, אוי אביי! אוי ורבא! אוי אביי ורבא אביי ורבא קדישא!"** שכח אייבערשטער אז איך האב די זכי' צו האבן א לעבעדיגן קשר מיט די הייליגע תנאים ואמוראים! עפעס קעשע! עפעס פראפיט! עפעס איינפאקן צו עסן אויפ'ן לאנגן לאנגן וועג וואו יעדער מענטש גייט......

און אז איך האב שוין די פעדער אין די האנט, וויל איך דיר צולייגן נאך א קליינע זאך פון די יום טוב, איך וויל נישט מאכן פון עיקר טפל און פון טפל עיקר, אבער איינס פון מיינע שענסטע זאכן דא איז ווען דער ראש ישיבה פלעגט אריין שטיקלעך פון ניגונים ביי הלל, און ביי אנדערע פלעצער, די הארץ צוגייט פאר זיסקייט (א טראפעלע קאטן קענדי מעג איך דאך אויך האבן..... נאך עטליכע הונדערט דפים גמרא פון לעצטן יאר שבועות ביז יעצט מעג איך האבן א שטיקעלע "חציו לכם"....)

איך קען פשוט נישט גלייבן די קונץ פון וויסן וועלכע זיסע קלאסישע שטיקל קומט אויף וועלכע הארציגע ווערטער פון אונזער הייליגן דוד המלך, למשל **השמים שמים להשם** מיט יוסעלע ראזנבלאט'ס **נחנו בידך כחומר**, **ישראל בטח בה'** מיט **והראינו בבנינו** פון שלמה יהודה רעכניץ, **מלפני אדון חולי ארץ** מיט **ונהי' אנחנו וצאצאינו** פון נגוני ווערצבערגער, **מקימי מעפר דל** מיט יום טוב עהרליך'ס ניגון פון ערב יום כיפור ביים הייליגן באורדיטשוב'ער רב זכותו יגן עלינו ("דער רבי האט קלאר, געזאגט אז דאס יאר, דורכלאזן וועט ער נישט קיינעם" וכו') **לך אזבח זבח תודה** מיט יוסעלע ראזנבלאט'ס **כי הם חיינו ואורך ימינו** (מ'פלעגט עס אמאל זינגען חנוכה אויף דביר קדשו הביאני ביי רבינו הקדוש מ'סאטמער זכותו יגן עלינו)

אויך האב איך ליב ווי דער ראש ישיבה איז מקפיד נישט אריינצולייגן ביים דאווענען ניגונים וואס קלעבן ווי באנדלעך אויפ'ן דאך, א ניגון דארף האבן א פשט וואו מ'לייגט עס, כ'האב ליב געהאט די ניגון פון **עליונים ששו** אויף **הודו לה'** ביי הלל, אויך איז געווען שיין **עליונים ששו** אויף קדיש תתקבל. גראדע ווען דער ראש ישיבה האט געזינגען ביי מעריבית אויף **אהבת עולם** די שטייטע ניגון פון **אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו ותן בלבינו בינה** וכו' איז מיר עס געווען א חידוש, כ'געדענק נישט ווען כ'האב אמאל געהערט א שטייטע ניגון אויף דעם.

ספעציעל שיין איז געווען ביי **אהבה רבה**, די וועג ווי אזוי מ'האט אויסגעלערנט אלע חדר-יונגלעך צו זינגען צוזאמען די הארציגע סאטמארע אהבה רבה (פון הרב הקדוש ר' הערש מ'רימינוב זכותו יגן עלינו) מיט געזעצטע ווערטער, דאס איז געווען ממש **הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא**. ווען ס'איז געקומען צו די הויכע פאל פון **"והאר עינינו בתורתיך"** האט מען זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון בעטן דעם אייבערשטן און צולייגן א תפלה "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל אויפמאכן די גמרא יעדן טאג פון יאר" "העלף מיר אייבערשטער אז די הייליגע תורה זאל מיר געבן לעכטיגע אויגן, אפגעהיטענע אויגן די הייליגע תורה זאל מיר געבן כח צו גיין אויפ'ן גאס מיט די אויגן אראפ"

ביי **ממקומך** האט דער ראש ישיבה געזינגען יוסעלע ראזנבלאט'ס ראש חודש בענטשן (די ערשטע טאג) און יאסעלע'ס **קרוץ מחומר** (די צווייטע טאג), ממש א שטיק תענוגי עולם הזה, בלי גוזמא.

נאך אן עקסטערע זיסקייט וואס איך קען נישט פארגעסן איז די ניגונים וואס די אנדערע בעלי תפילות האבן געזינגען ביי כתר און ביי ותיערב, עפעס אויסערגעווענליך שיין, ספעציעל די "הוא יושיענו" פון נדבורנא, כ'האב עס געהערט אן א שיעור מאל מיט די הערליכע קול פון הרב ר' מנחם קליין, ווען איך פלעג אים הערן האב איך נישט געקענט גלייבן אז א מענטשן קען האבן אזא שטארקע שיינע זיסע קול.

בקיצור, פון די ניגונים פון איין יום טוב קען מען מאכן א גאנצן ארטיקל, איך וועל מקצר זיין, איך וויל נאר ענדיגן מיט א לויב צום אייבערשטן אויף די נס פון די הייליגע דרך הלימוד פון זאגן די ווערטער פון משניות און גמרא, ווען נישט דאס וואלט מיר גארנישט געבליבן פון שבועות, די בלימעלעך גייען אין מיסט, בענעזאם מיט די חלומות אז איך וועל אמאל קענען פילן די זיסע טעם וואס חז"ל הקדושים האבן מתקן געווען אין די ברכה "והערב נא", "הייליגער באשעפער מאך מיר זיס דיין תורה".

***

גאסט ארטיקל

שמאי שטראוז

# א גאסט אויף א מייל זעט אויף א ווייל!

ניין! דו זאגסט עס נישט גוט. "א גאסט אויף א ווייל, זעט אויף א מייל".

נו טאקע, נישט אזוי האב איך געזאגט? ניין קוק די קעפל, דו שרייבסט פונקט פארקערט, "א גאסט אויף א מייל, זעט אויף א ווייל".

אה, ביסט דאך גערעכט!

שוין, איך גיי נישט יעצט טוישן דעם קעפל וועגן דעם טעות, לאז זיין אזוי, "א גאסט אויף א מייל זעט אויף א ווייל".

בכלל די גאנצע רובריק איז עפעס נישט... עס איז אונטערן קאלום פון "גאסט ארטיקל" איך האב דאך שוין געשריבן פארגאנגענע וואך, איך בין שוין נישט קיין גאסט דא, חוץ אויב ס'קען זיין אז איך שרייב ווי אן "אורח"... נעע... איך מיין אז איך שרייב נישט אזוי שלעכט...

נו, איך גיי נישט משוגע מאכן דעם עורך... (נישט אורח) פונעם בלעטל, אויב האט ער געלייגט מיינע שורות אונטערן רובריק "גאסט ארטיקל", און דאס קעפל איז געשריבן פארקערט, וועל איך מיך צושטעלן און מאכן דאס ארטיקל לויט דעם.

שוין! איך האב עס, "א גאסט אויף א מייל", איך בין צוגאסט אינעם ברסלב'ן שטעטל, דארט דארף מען דאך שפאצירן מיילן, יעדע זאך איז אפגעריקט איינס פון צווייטן א מייל; פון בית המדרש צום גראסערי איז א מייל אויב נישט מער, צו מיין דירה דארף איך ווייטער גיין א מייל, און אז ס'שמעקט מיר אן צו גיין צו א צווייטע בית המדרש דארף איך ווידער שפאצירן אפאר מייל.

נו? ס'הערט זיך שוין נישט אזוי געפערליך "א גאסט אויף א מייל"...

איז לאמיר גיין ווייטער, "זעט אויף א ווייל", נו... העלף מיר... אה, יא "א גאסט אויף א מייל זעט א גאנץ אנדערן ווייל".

איידער איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האב איך מיך גערעגט, איך האב געטראכט צו זיך: "**ווייל ביידן** איז ערוועלט געווארן צו דרימלען... אין ווייסן הויז, וועגן דעם איז דארף איך צאלן אזעלכע פעפעריגע פרייזן אנצופילן מיין קאר מיט געז".

אבער ווען איך בין געקומען דא אין ברסלב'ע שטעטל האב איך געהערט נייע זאכן, **ווייל** דער אייבערשטער וויל מיך אויפוועקן פון שלאף, ער וויל מיך הערן רעדן צו אים, ער וויל איך זאל זאגן: "אייבערשטער, איך האלט שוין נישט אויס, ס'איז נישט נארמאל די הויכע געז פרייזן, העלף די פרייזן זאלן פאלן". וועגן דעם זענען די געז פרייזן ארויף אזוי הויך.



איידער איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האב איך געוויסט אז **ווייל** איך האב נישט קיין חברותא, ווייל איך האב נישט קיין קאפ צו לערנען, **ווייל** עס איז זונטאג, **ווייל** איך דארף היינט גיין צום דאקטער, וועגן דעם קען איך נישט לערנען.

אבער ווען איך בין געקומען אין ברסלבע שטעטל האב איך געהערט נייע זאכן, איך ווער געוואויר אז **ווייל** דער רבי האט רחמנות געהאט אויף מיין נשמה, וועגן דעם האט ער מיר געגעבן א סדר דרך הלימוד וואס מ'קען לערנען אן קיין קאפ, אן קיין חברותא, אפילו אין דאקטער'ס אפיס, אדער ווארטנדיג אין די לאנגע רייע אין באנק, **ווייל** איך האב א קליין משניות'ל, א קליין חומש'ל אין טאש, איך זאג א פרק נאך א פרק, איך בין מעביר סדרה אביסל יעדן טאג, אזוי ארום פארפעל איך נישט קיין טאג פון לערנען.

איידער איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האב איך געמיינט אז **ווייל** מיין מלמד האט מיך גע'רודפ'ט אין חדר, **ווייל** מיינע עלטערן האבן מיך צוקלאפט אלס קינד, **ווייל** מיין מגיד שיעור האט מיר געזאגט "פון דיר וועט שוין גארנישט אויסוואקסן", ווייל אלע האבן געזאגט "דו קענסט שוין נישט תשובה טון", וועגן דעם מעג איך חס ושלום זיין ברוגז אויפן אייבערשטן, און טון זאכן וואס מאכן מיר שאדן מיין לעבן.

אבער ווען איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האב איך געהערט נייע זאכן, איך ווער געוואויר אז עס איז פונקט פארקערט; **ווייל** דער סמ"ך מ"ם האט מיך פיינט, **ווייל** דער סמ"ך מ"ם וויל מיך צוברעכן, וועגן דעם האט ער געשיקט זיינע שלוחים מיר צו זאגן: "פון דיר וועט שוין גארנישט אויסוואקסן, דו וועסט שוין פלאקערן אין גיהנום, פאר דיר העלפט נישט קיין תשובה".

און **ווייל** דער אייבערשטער האט מיך ליב, וועגן דעם ווארט ער יא אויף מיר, און יעדע זאך וואס איך טו איז חשוב און טייער ביים אייבערשטן, איך בין נישט פארפאלן, און אז איך האב געטון שלעכטע זאכן וועל איך תשובה טון, און אנהייבן פון דאסניי, ווייל דער אייבערשטער ווארט און בענקט און האפט אזוי שטארק אז איך זאל מיך צו אים צוריקקערן.

איידער איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האט איך געטראכט, **ווייל** די הנהלת המוסד וועט סיי ווי נישט אויסגעפינען, וועגן דעם קען איך האבן א צווייטע באהאלטענעם טעלעפאון אן א פילטער.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן אז **ווייל** איך וויל האבן א גוט לעבן, מאך איך מיך אליין די חשבון צו איך דארף האבן דעם טעלעפאון, און אויב עס קומט מיר טאקע אויס אז איך דארף עס האבן, וויל איך אליין זען אז די טעלעפאון זאל זיין כשר פאר מיר, כדי איך זאל נישט פארלירן מיין לעבן.

איידער איך בין געקומען אין ברסלב'ע שטעטל האב איך געטראכט, **ווייל** איך וויל האקן א לעבן, און מיין ווייב שטייט מיר אין וועג, וועגן דעם מוז איך פארן מיט מיינע חברים אויף "מקומות הקדושים"... און לאזן מיין ווייב הענגען אויף א צוקער שטריק.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן אז עס איז פונקט פארקערט, **ווייל** איך וויל האבן א גוטע צייט און האקן א טאג, גיי איך וואקאציע 'נאר' מיט מיין ווייב, און מיינע חברים לאז איך הענגען אויף א צוקער שטריק.

איידער איך בין געקומען אין שטעטל, האב איך געטראכט, **ווייל** מיין ווייב



בלאזט, וועגן דעם וועל איך איר ווייזן און איך וועל איר געבן צו הערן אז אויף מיר קען מען נישט בלאזן.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן, אז **ווייל** איך דארף תשובה טון, איך דארף איינבייגן דעם קאפ צום אייבערשטן, איך דארף היטן מיינע אויגן, וועגן דעם איז מיין ווייב אין א שלעכטע גוסטע, און אז איך וועל תשובה טון, און איך וועל רעדן צו איר שיין, וועט זיך אונזער ליבשאפט נאך מער פארשטערקערן.

פאר איך בין געקומען אין די ברסלב'ע שטעטל האב איך געמיינט, **ווייל** איך וויל פארגעסן פון מיינע פראבלעמען, און איך וויל זיין פרייליך, און **ווייל** איך וויל זיין פון די "האלאו"... "טוצעך חברה" ... וועגן דעם קויף איך מיר איין טייערע וויינען און ברוינפן לכבוד שבת **ווייל** דאס וועט מיך פרייליך מאכן.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן, אז **ווייל** איך וויל זיין פרייליך לערן איך די ספרים פון מוהרא"ש, די בריוון פונעם ראש ישיבה, און איך פאלג זייערע עצות, דעמאלט דארף איך שוין נישט קיין אלקאהאל מיך צו פרייליך מאכן, און איך בין נישט אינטערעסירט צו געפעלן ליידיגע חברים וואס זוכן גאר מיר צו געפעלן.

איידער איך בין געקומען אין שטעטל האב איך געטראכט, **ווייל** איך האב רחמנות אויף מיין טאכטער, און **ווייל** זי איז נאך צו יונג, **ווייל** זי דארף זיך נאך משלים זיין, און **ווייל** זי דארף נאך ווערן מעטשאו"ר, וועגן דעם הער איך נאכנישט אויס קיין שידוכים פאר איר.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן אז די סיבה פארוואס איך געב איר נישט ארויס איז פשוט **ווייל** איך דארף כבוד, אדער **ווייל** איך זיך א בחור וואס שטינקט פון אים א גוטע נאמען, אדער **ווייל** איך דארף נאך האבן די געהאלט וואס זי פארדינט אין אפיס כדי צו קענען דעקן די הוצאות החתונה.

איידער איך בין געקומען אין שטעטל, האב איך געטראכט, **ווייל** איך בין א נארמאלער מענטש, איך בין א קלוגער באזעסענער יונגערמאן וועגן דעם לאך איך אפ פון די ברסלב'ע.

איינמאל איך בין געקומען אויף ברסלב בין איך געוואויר געווארן אז **ווייל** איך בין שטאטס נאר, און ווייל עס פאסט מיר פשוט נישט מודה צו זיין צו זייער אמת'ע לעבנס שטייגער, וועגן דעם מוז איך לאכן פון זיי.

אבער היינט לאך איך שוין נישט, איך ווייס אז אפילו איך קען זיך נישט אין איין מינוט טוישן, **ווייל** איך האב דאך חברים/שוואגערס/שוועגערינס/שווער/שוויגער/ידידים/גוטע פריינט/באקאנטע, וואס וועל איך זיי זאגן, אבער איך ווייס אז א "גאסט אויף א ווייל וועט איין טאג ווערן נארמאל..."

און איך וועל דיר זאגן נאכמער, יעצט אז איך האלט שוין דא, מיין איך אז עס איז שוין גארנישט קיין טעות, איך בין יא א גאסט, איך זע מענטשן פלאנירן, מאכן, טון, און פארגעסן אז מיר זענען אלע דא צו גאסט, און נאך אביסל גייען מיר אהיים, אבער ווייל איך האב אנגעהויבן פאלגן די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, וועגן דעם האב איך שוין נישט קיין פראבלעם צו וויסן אז איך בין נאר א גאסט, איך קען רואיג טראכטן אז נאך אביסל גיי איך צו א אנדערע שענערע וועלט, איך בין גארנישט באזארגט, **ווייל** איך וועל מיך אנגרייטן זעק מיט גוטע זאכן, און איך וועל האבן וואס צו מיטנעמען מיט מיר.

נו! יעצט שטימט שוין אלעס? איר זעט ווי א איד גיבט זיך א עצה, א גאסט אויף א **מייל** פלוצלינג זעט ער גאר א אנדערע **ווייל**! און עס איז דא גרויס האפענונג אז ער וועט נאך ווערן **נארמאל**.



# מעשיות פון תפילה

### שמואל בער שניטצלער - קרית ברסלב:

זייט איך וואוין אין שטעטל בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל האבן א קאר ווייל איך פלעג זיך דארפן אנלייגן אויף מענטשן, בעטן טובות און אסאך מאל דארפן דינגען א קאר וואס האט מיר אפגעקאסט נישט ווייניג געלט.

עס האט שוין אפאר מאל אויסגעזען אז איך וועל האבן א קאר אבער צום סוף האט זיך עס נישט אויסגעארבעט, זעט אויס אז דער אייבערשטער האט געוואלט הערן נאך תפילות פון מיר. איך האב טאקע נישט אויפגעגעבן נאר ווייטער געבעטן: "הייליגער באשעפער, איך וויל האבן א קאר, ס'וועט מיר גאר אסאך פארגרינגערן דאס גיין און קומען".

שכח אייבערשטער אז איך האב באקומען א נייע קאר אן אייגענעם ליעס פאר א גוטע קאר, אויף א וועג וואס איך וואלט קיינמאל נישט געטראכט אז ס'קען אפילו געשען, אבער תפילה איז שטערקער פון אלעס!

### עזרא בוים, נחמן נתן בוים, אברהם הערש וועבערמאן, שלום יוסף ניישטיין - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער מיר האבן געקענט העלפן אריבערפירן די מאשינען פאר'ן בית הדפוס פון די אלטע בנין צו די נייע בנין וואס מען האט באנייט אפאר וואכן צוריק.

מ'האט געהאט א גרויסן טראק וואס האט געהאט פון אונטן א מאשין וואס גייט ארויף און אראפ צו קענען גרינגערהייט אנלאדענען די מאשינען. בשעת'ן ארבעטן האט די מאשין אויפגעהערט צו ארבעטן, מיר האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, און צוגעזאגט עס אריינצושרייבן אין קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער אז דארט איז געווען איינער וואס האט זיך אויסגעקענט מיט טראקס וכדומה און נאך אביסל פרובירן האט ער עס געקענט פאררעכטן, אזוי האט מען ברוך השם געקענט ארבעטן ווייטער.

### עזרא בוים - קרית ברסלב:

ס'איז געווען פאר די שבת התוועדות וואס איז אויסגעפאלן שבת זכור, איך האב געזען אין אשר בנחל, מוהרא"ש שרייבט אז ווער עס זאגט אויס גאנץ תהילים פרייטיג צונאכט'ס שבת זכור גאנץ תהילים זאגט ער צו אז אלע געלט וואס איז אנגעשריבן פאר דעם מענטש ער זאל באקומען דעם פורים וועט אנקומען צו אים אן קיין שוועריקייטן און ער וועט עס נישט דארפן נאכלויפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אויסזאגן תהילים אפילו איך האב געוויסט אז ס'וועט נישט זיין צו גרינג וויבאלד מ'איז נישט אינדערהיים אויף א נארמאלע סדר, אבער תפילה איז דאך שטערקער פון אלעס. שכח אייבערשטער אז איך האב טאקע געקענט אויסזאגן גאנץ תהילים.

דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר האב איך חתונה געמאכט א זון אין ארץ ישראל בשעה טובה ומצלחת. נאך די פריערדיגע מעשה פון תפילה האב איך געזען באלדיגע רעזולטאטן פון די צוזאג פון מוהרא"ש ווען א חבר מיינער רופט מיך אן אפאר טעג נאך פורים און פרעגט מיר: "עזרא, דו האסט שוין טיקעטס קיין ארץ ישראל פאר די חתונה?" זאג איך אים "ניין איך האב נאכנישט". זאגט ער מיר אז אזוי ווי די פרייזן פאר טיקעטס ווערן נאר טייערער וויל ער מיר אויסלייגן די געלט פאר די טיקעטס און ווען איך וועל האבן די געלט וועל איך אים באצאלן.

איך האב געפאלגט דעם ראש ישיבה וואס לערנט אונז אז ס'איז נישט דא צו וועם צו גיין ווען מען דארף עפעס נאר צום אייבערשטן, האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב שוין טיקעטס אבער אויך געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך וויל נישט האבן קיין חובות, העלף מיר איך זאל שנעל קענען באצאלן פאר דעם איד די גאנצע געלט".

שכח אייבערשטער אז פון אפאר אומגעראכטענע פלעצער האב איך געהאט שנעל גענוג געלט צו באצאלן פאר דעם איד און נאך איבעריג צו קענען אריינברענגען דעם פסח בהרחבה.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא - מַסֶכֶת עֲרָכִין; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שׁוֹין **דֶערְוֶועקְן פוּן דַיין טִיפֶע שְׁלָאף** אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן פוּנְדֶאסְנַיי אָן צוּ הֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן צוּם גוּטְן אוּן דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. כָּל זְמַן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִיז מֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען אִיז מְקַנֵא יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל **נָאר תּוֹרָה זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ** אוּן נָאר תּוֹרָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע **שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין יְשִׁיבָה** צוּזַאמֶען מִיט אַ **סִיּוּם** אוֹיף מַסֶכֶת בְּכוֹרוֹת; **מָה אָשִׁיב לַה', כָּל תַּגְמִילוֹהִי עָלָי** - אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג אוּן רֵיין. דֶער חָתָן זָאגְט מִיר נֶעכְטְן אַז עֶר פַארְפַאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אִין דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת זִיצְט עֶר אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא וְכוּ' וְכוּ'. מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף צוּפְרִידְן אוּן זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין יְשִׁיבָה צוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה - יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה וַוייל דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן.

הַיינְט נַאכְט קוּמְט אִם יִרְצֶה ה' פָאר דִי **אַכְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה**, מֶען זֶעט וִוי דֶער חָלוֹם הֵייבְּט אָן מְקוּיָּם וֶוערְן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֵייבְּן אָן לֶעבְּן מִיט דֶעם אַז חֲתוּנָה מַאכְן דַארְף נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה אוּן בַּיים טַאנְצְן קוּמֶען דִי גוּטֶע פְרַיינְט, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען אִיז מְשַׂמֵחַ חָתָן וְכַלָּה אָן וֶוערְן אַ בַּעַל חוֹב אוּן אָן דַארְפְן זִיךְ צוּרַייסְן אוּן צוּפְלִיקְן. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען קוּקְן דִי חֲתוּנָה זֶען וִוי אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן **חָתָן כַּלָּה זֶענֶען מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ**.

מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן מִיר אָפּ אוּן מֶען אִיז מִיר מְחַזֵק פַארְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס מֶען אִיז 'מִיר' מְחַזֵק, **עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין דִי וָואס מַאכְן חֲתוּנָה אוּן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת** - זֵיי דַארְפְן חִיזוּק צוּ טוּן וַוייטֶער דֶעם רָצוֹן ה', חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ עֶס קָאסְט זֵיי גֶעלְט. אָבֶּער פַאר אוּנְז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מַאכְן **חֲתֻנָּה 'בְּחִינָּם'** אָן קַיין אֵיין דָאלְלֶער - מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין חִיזוּק, מִיר זֶענֶען מְחוּזָּק וְעוֹמֵד פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען קֶען הַאלְטְן דֶעם קָאפּ גְרָאד אוּן נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם שְׁטוּרֶם.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ **בְּרִית** אִין יְשִׁיבָה אוּן הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ **חֲתוּנָה**; עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אוּנְז וִוי אִין יַבְנִיאֵל אִינֶעם זַאל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס אִינְדֶערְפְרִי וֶועט זַיין בְּרִיתְ'ן, נָאכְמִיטָאג בַּר מִצְוָהְ'ס אוּן בַּיינַאכְט וֶועט זַיין חֲתוּנוֹת; אַזוֹי שְׁפִּירְט זִיךְ יֶעצְט בַּיי אוּנְז, יוּנְגֶעלַייט מַאכְן זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת פָּשׁוּט אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקַייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל אָחִי הַיָּקָר, הֵייבּ אָן הַיינְט מַסֶכֶת עֲרָכִין; הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט אַלֶעס קוּמֶען אִין פְּלַאץ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## הֶעלְפְן דִי מוֹסָד

**אִין אַ שְׁמוּעָס וֶועגְן דִי יֶערְלִיכֶע קַאמְפֵּיין הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּארְצֵיילְט:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלוֹקֶת, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֶפְ'ט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען אָנְגֶעזָאגְט דֶעם מִקְוֶה אִיד אַז עֶר זָאל בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרַיין לָאזְן רֶבִּי נָתָן אִין מִקְוֶה. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט אָבֶּער יָא גֶעוְוִיסְט וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֶועט אִים עֶפֶּענֶען דִי מִקְוֶה שְׁטִילֶערְהֵייט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט, אַזוֹי וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן; נַאכְט נָאךְ נַאכְט פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן קוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין מִקְוֶה.

אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז מֶען אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, מֶען הָאט אִים נָאכְגֶעקוּקְט אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר עֶפְנְט אוֹיף שְׁטִילֶערְהֵייט דִי מִקְוֶה פַאר רֶבִּי נָתָן. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער דֶעם מִקְוֶה אוּן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר לָאזְט רֶבִּי נָתָן גֵיין אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִינֶעם קַאלְטְן ווִינְטֶער מִיט זַיין וַוייבּ אִין צְוֵויי קִינְדֶער. אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי נָתָן: "הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין דַאךְ אִיבֶּערְ'ן קָאפּ פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶעס וֶועגְן אַייךְ!" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֶעלְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעבְּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַאר מִיר אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר וָואס יָא, **גִיבּ מִיר דַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער אוּן אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי לֶערְנֶען**", וְכָךְ הֲוָה, רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד, מִיט קְדוּשָׁה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דִיר צוּ גֶעבְּן וְכוּ', אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, גֶעבּ מִיר דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן".



# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִיק

### אָפְּנַאֲרְן דֶעם מֶענְטְשׁ

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר זֶעלְטְן, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט פְלֶעגְט אִים גִיסְן טְרֶערְן, אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמוּד חָכָם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה לִקְנְטֵר, צוּ זַיין אַ לַמְדָן אוּן אַ גָאוֹן, אוּן קֶענֶען אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר קֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען פוּן אַנְדֶערֶע, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֵייצְט מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונָה, אָבֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע אַלֶע תְּפִילוֹת? אַז וִויבַּאלְד אִיךְ קֶען אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף, וְוייל אִיךְ הָאבְּן אַ מַגִיד פוּן הִימְל וָואס זָאל קוּמֶען מִיט מִיר לֶערְנֶען, אַזוֹיוִוי דֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט.

**וַיְהִי הַיוֹם**, עֶס וֶוערְט נִתְגַלֶה צוּ אִים אַ מַגִיד, אוּן זָאגְט אִים: זָאלְסְט וִויסְן אַז דַיין נְשָׁמָה אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט פוּן הִימְל אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִיר, נָאר דוּ זָאלְסְט נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִיר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן מָלֵא שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעבֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ מַגִיד, שִׁיק מִיר אִים נָאךְ.

וַיְהִי הַיוֹם, זָאגְט אִים דֶער מַגִיד: דוּ בִּיזְט הֶעכֶער פוּן דֶעם גַאנְצְן דוֹר, דֶער גַאנְצֶער דוֹר אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעלְטֶער אִיז דַיינְס, 'דוּ' דַארְפְסְט דָאס מַעְלָה זַיין, וֶועגְן דֶעם וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר אַ דִין תּוֹרָה, וֶוער עֶס וֶועט דִיר גֶעבְּן מֶער גֶעלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים אוּן פַּסְקְ'נֶען אַזוֹי וִוי אִים, וַוייל אַז עֶר גֶעבְּט דִיר מֶער גֶעלְט אִיז אַ סִימָן אַז דָא לִיגְט מֶער נִיצוֹצוֹת, דַארְפְסְטוּ דָאס מַעְלָה זַיין.

רַחְמָנָא לִצְלָן וִוי שְׁטַארְק מֶען קֶען פַארְבְּלֶענְדְט וֶוערְן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין גֵיאוּת אוּן אִין יֵשׁוּת, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אַלֶעס אִיז מַיינְס, אוּן אִיךְ דַארְף מַעְלָה זַיין דִי נִיצוֹצוֹת, אֵיי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים טז י"ט): '**הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים, וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם**', אָבֶער דֶער מַגִיד הָאט דָאךְ מִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט!.

אֵיין טָאג קוּמְט יֶענֶער מַגִיד צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: אִין קְלוֹיסְטֶער אִיז דָא אַסַאךְ צְלָמִים פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, גֵיי אַרַיין אוּן נֶעם דָאס, וַוייל דָארְטְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל נְשָׁמוֹת פַארְלָארְן גֶעוָוארְן אוּן דוּ דַארְפְסְט דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען, דָאס גֶעהֶערְט פַאר דִיר, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין? זָאגְט אִים דֶער מַגִיד: גֵיי בַּיינַאכְט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּיינַאכְט, אוּן עֶר הָאט צַאם גֶענוּמֶען אַלֶע כֵּלִים מִיט דִי צְלָמִים פוּן זִילְבֶּער אוּן גָאלְד, פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער גַלַח אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר זֶעהְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט מֶען גְלַייךְ גֶערוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשְׁטֶעלְט צוּם מִשְׁפָּט, אוּן דֶער רִיכְטֶער הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט: וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'ט, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט גַנְבֶ'נֶען וַוייל מֶען הָאט אִים דָאךְ גֶעכַאפְּט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי גְנֵיבָה, זָאל עֶר זִיצְן אַ יָאר אִין תְּפִיסָה!

יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין צוּ דֶעם מַגִיד: קוּק וואוּ אִיךְ בִּין דָא; זָאגְט אִים דֶער מַגִיד: פוּן יֶעצְט וָואס דֶער גַלַח וֶועט דִיר זָאגְן זָאלְסְטוּ אִים פָאלְגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ תִּיקוּן. דֶער גַלַח אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין תְּפִיסָה, אוּן זָאגְט אִים: אִיךְ זֶעה וִוי שְׁטַארְק דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ, דוּ וֵויינְסְט אוּן שְׁרֵייסְט, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ עֵצָה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁמַד'ן וֶועל אִיךְ דִיר גְלַייךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא! וִויבַּאלְד דֶער מַגִיד הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט עֶר זָאל פָאלְגְן דֶעם גַלַח, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן עֶר וֶועט זִיךְ שְׁמַד'ן, אַזוֹי וֶועט עֶר אַרַיין גֵיין אִין דִי טוּמְאָה, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ מַעְלָה זַיין פוּן דָארְטְן קְדוּשׁוֹת.

עֶר הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶע'שְׁמַד'ט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים קַיין מַגִיד, נָאר פְּלוּצְלִינְג זֶעהְט עֶר אֵיינֶער קוּמְט מִיט צוּרִיסֶענֶע שִׁיךְ, פְרֶעגְט עֶר אִים, וָואס אִיז דָאס?! זָאגְט עֶר אִים: 'אִיךְ בִּין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם! אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין גֵיין אוּן קוּמֶען אַז דִי שִׁיךְ הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין צוּרִיסְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיר אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין מַיין נֶעץ, אוּן דִיר אָפְּגֶע'שְׁמַד'ט! פְּלֶעגְט דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד אוֹיסְפִירְן פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע: **קוּק וִוי וַוייט מֶען קֶען אָפְּנַארְן אַ מֶענְטְשׁ**, בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶר וֶועט זִיךְ שְׁמַד'ן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען אַ אִיד פָאלְגְט דֶעם צַדִיק אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן.

(קונטרס "איך וויל בלייבן צווישן אייך")



# דעם רבי'נס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 35

**פארזעצונג פון פריער:** דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוואַלְגֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִין אַ צוּ. דַאן הָאט ר' יִצְחָק אָנְגֶעהוֹיבְּן רִיכְטִיג צוּ בַּאגְרֵייפְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַצָב, אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אִיז נִישְׁטָא מֶער אַ וֶועג אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּנֶעם שִׁיף, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס גֵייט פָאר? הָאסְט דָאךְ פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ ווִי דוּ וַוארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר שְׁרֶעק?".

...

דֶערְנָאךְ הָאט ר' יִצְחָק גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוְונְט, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט, "יֶעצְט דַארְפְסְטוּ נִישְׁט דַאוֶונֶען, זָאג נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע דְרֵיי בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְכוּ'". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "נֶעם אַלֶע גֶעלְטֶער בִּיז דִי לֶעצְטֶע פְּרוּטָה אוּן צֶעטֵייל עֶס אוֹיף צְוֵויי. הַאלְבּ זָאלְסְטוּ אָנְבִּינְדֶען אוֹיף דַיין קֶערְפֶּער, אוּן דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבּ וֶועל אִיךְ אָנְבִּינְדֶען אוֹיף מִיר". ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט, "פַארְוָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס? דִי פִּישׁ אִין יַם קֶענֶען אוּנְז אַיינְשְׁלוּנְגֶען אוֹיךְ אָן דִי גֶעלְט", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט, "טוּ וָואס אִיךְ הֵייס דִיר! דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואסֶער אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ אוֹיף אַ שִׁיף".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן, אוּן זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיטְ'ן גַארְטְל אוֹיפְ'ן פֶּעלְץ, אוּן דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי מְ'גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וֶועג.

ר' יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אִיךְ בִּין אִין אַזַא פַּאנִיק, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט דַאוֶועֶנען אִינֶעווֵיינִיג אִין סִידוּר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי קֶען דָאךְ יָא דַאוֶועֶנען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן כְּלַל אוּן פַארְ'ן פְּרַט, פַארְוָואס בֶּעט דֶער רֶבִּי נִישְׁט יֶעצְט?". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מוֹחִין דְקַטְנוּת, אִיךְ בִּין דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין עֵצָה אִיז יֶעצְט, וַוייל כְ'הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אוּן צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אִין וָואס מִיר זֶענֶען, מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אִין גָאר אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֵייסְט אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן אִיךְ זִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, אָבֶּער צוּלִיבּ דִי גֶעפֶערְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען בִּין אִיךְ גֶעצְווִינְגֶען דָאס מָאל יָא צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין זְכוּת פוּן מַיין זֵיידֶע **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע**, אוּן דִי זְכוּת פוּן מַיין בַּאבֶּע **אָדְל ע"ה**, אוּן דִי זְכוּת פוּן מַיין זֵיידֶע **רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער** זי"ע. אוּן מֶער פוּן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט.

גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען ווִי אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁוַוארְצֶע וָואלְקְן קוּמְט אִין זֵייעֶר רִיכְטוּנְג, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל צוּמָאל קֶען אַזַא וָואלְקְן אַרַיינְצִיעֶן דִי וַואסֶער אוּן מַאכְן ווִי אַ גְרוּבּ אוֹיפְ'ן יַם, אוּן וֶוען דִי שִׁיף פַאלְט דָארְט אַרַיין קֶען מֶען דָארְט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן. אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע צַייטְן שִׁיסְט מֶען אוֹיף דֶעם וָואלְקְן מִיט הוֹירְמַאטֶעס עֶס צוּ צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶּער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מֶעגְלִיכְקֵייט דָאס צוּ טוּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט כְּסֵדֶר נָאר אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דָאס וַואסֶער פוּן שִׁיף. סְ'אִיז גֶעוֶוען צָרוֹת פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ בִּיס פוּן אַ זִיבּוּרָא אוּן אַן עַקְרַבָּא, וָואס פַאר אֵיינְס אִיז גוּט קַאלְט וַואסֶער אוּן פַאר דִי צְוֵוייטֶע הֵייס וַואסֶער, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אוֹיף צָרוֹת וָואס עֶר זָאל נָאר טוּן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי פוּן אֵיין זַייט גֶעהַאט דִי וָואלְקֶענֶעס אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דִי שִׁיף זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּגֶעבְּן מִיט בֵּיידֶע זַאכְן.




**מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון בעל שם טוב זי"ע**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז דִי גָאר שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף מִיט אַן אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע שְׁנֶעלְקֵייט, דִי שִׁיף אִיז מַמָשׁ גֶעפְלוֹיגְן ווִי אַ פַייל, אוּן וֶוען סְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער וָואלְקְן הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען, סְ'אִיז מַמָשׁ גֶעוֶוען דָארְט ווִי בֶּערְג מִיט טוֹיעֶרְן, אָבֶּער דִי שִׁיף אִיז עֶס דוּרְכְגֶעפְלוֹיגְן בְּשָׁלוֹם.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּריוו

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים, מַיין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּרִיק צָאלְן פַאר׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים. יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אַדַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְפְסְטוּ דָאס **פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן** - זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּנְז אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן דֶעם רֶבִּי׳נְ׳ס וֶועג, מֶען הָאט אִים גֶע׳רוֹדְפְ׳ט, אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַזוֹי אוֹיךְ **מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז,** עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְ׳ן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז מִיר זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ ווַייבּ, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; ווִי אִיז שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן? אַז מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן, מִיר קֶענֶען נָאר אֵיין זַאךְ טוּן: ״ווַייטֶער גֵיין אִין דִי וֶועגְן, ווַייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אַנְדֶערֶע״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## א מעשה פון הפצה

אהרן וועבערמאן פון קרית ברסלב פארציילט:

איך מוז אייך דערציילן א אינטערסאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט פארגאנגענע וואך.

ברוך השם איך האב געהאט די זכי׳ צו עפענען א פרישע אפטיילונג אויף די האטליין ״קול ברסלב״ מיט׳ן נאמען ״לעובדא ולמעשה״, יעדע וואך ברענגט מען ארויף אידן וואס דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש פון איבער די גאנצע וועלט, און מען בעט זיי צו פארציילן וואס מען האט גערעדט שבת אין בית המדרש און אזוי ווייטער.

איין טאג זיץ איך נאכ׳ן דאווענען מיט א חומש אין בית המדרש קרית ברסלב ליבערטי און איך בין מעביר סדרה אזוי ווי איך האב מיר איינגעפירט שוין פאר די לעצטע צוואנציג יאר פון ווען איך האב דאס געהערט פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו, און איך טראכט אזוי צו מיר אויב איך זאל ווייטער אנגיין מיט דעם אפטיילונג אדער נישט, ווייל למעשה קומט עס אן זייער שווער, מען דארף טרעפן אינגעלייט וואס זאלן זיין גרייט צו ארויפקומען רעדן, און אז ער איז שוין מסכים ארויפצוקומען רעדן האט ער פונקט יעצט נישט קיין צייט צו רעדן.

אזוי בין איך ווייטער מעביר סדרה, און אינמיטן קלינגט מיר די טעלעפאון, איך הייב אויף, יענער פרעגט מיר ״איז דאס ארי וועבערמאן?״ זאג איך אים ״יא דאס בין איך״, זאגט ער מיר ״איך בין דיר שולדיג הכרת הטוב״, פרעג איך אים וואס גייט פאר?

וואס ווייטער? קומענדיגע וואך אם ירצה השם

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## בית הדפוס איז נישט איינגעשלאפן



ס'איז טאקע נישט געווען געדעקט אין די נייעס די לעצטע פאר וואכן איבער וואס ס'טוט זיך אינערהאלב די בית הדפוס, אבער מיין נישט פאר איין רגע אז מען איז איינגעשלאפן, די בית הדפוס איז אפען יעדן טאג (חוץ שבת) מען דרוקט און דרוקט אן אויפהער.

א קליינע דוגמה איז למשל די בלעטל וואס איר ליינט און איר האט הנאה יעדן איינציגן וואך, דאס נעמט אסאך צייט צו דרוקן, בפרט די יום טוב'דיגע אויסגאבע האט גענומען אסאך לענגער, צוליב דעם וואס די מאשין האט נישט געקענט דרוקן אזא דיקן בלעטל, האט מען דאס געדארפט דרוקן מיט די סטעיפלע"ר מאשין, וואס דארט דארף מען נעמען יעדן איינציגן בלעטל, און עס אריינלייגן אינעם מאשין, קענסט זיך אליין פארשטעלן אז דאס נעמט אויף אסאך מער צייט. די רעדאקטאר פונעם בלעטל איז אראפ געקומען צוהעלפן עס זאל קענען ווערן געדרוקט אין צייט לכבוד יום טוב (זעה אינעם בילד).

פאר דעם נייעם זומער סעזאן דרוקט מען יעצט איבער אלע קונטרסים וואס רעדט זיך פון שמירת עינים, "ריינע אויגן", "הייליגע אויגן", "געזונטע אויגן", "ליכטיגע אויגן" און אזוי ווייטער. אויך גייט מען פריש איבערדרוקן דעם ספר "ריינע אויגן" וואס איז צאמגענומען פון אלע קונטרסים וואס רעדט זיך פון היטן די אויגן.

אויך מאכט מען איבער דעם הערליכן ספר "ארך אפים" אין אידיש, און אזוי אויך נאך ספרים און קונטרסים.

# בילדער פון קרן הדפסה




מען לייגט ארויף ווערטער אויפ'ן נייעם בנין פונעם בית הדפוס



דער עורך פונעם בלעטל ביים צוהעלפן דאס דרוקן



ריזיגע שיפמענט פון פאפיר אנגעקומען צום בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **יעקב האלפערן**<br>סטעטן איילענד | **אברהם חיים וויזעל**<br>קרית יואל | **אברהם ברוין**<br>מאנסי |
| **מנחם אראן**<br>בארא פארק | **יעקב גליק**<br>בארא פארק | **אשר לעווי**<br>דזערזי סיטי |
| **יואל פעדער**<br>וויליאמסבורג | **שלמה גוטוויין**<br>וויליאמסבורג | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל |
| **מרכי אהרן הייליפרין**<br>קרית ברסלב | **אברהם דוד לאקס**<br>קרית ברסלב | **משה עקשטיין**<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **347.578.4449**



א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## שבת פרשת בחוקותי אינדערפרי

**שמואל אייכענשטיין פארציילט:** ברוך השם איך האב האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת קודש פרשת בחוקותי אינדערפרי.

**רעד שבת'דיג**

אויפן וועג אהיים פון שול האבן איינע פון די אינגעלייט וואס האבן אהיימבאגלייט - אנגעהויבן פארציילן א מעשה וואס ער האט געהאט אין די ביזנעס, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט "נעכטן אויפן וועג אהיים האסטו שוין געגוג גערעדט צו מיר וואכעדיגע זאכן, יעצט רעד שבת'דיג זאכן איך האב נישט קיין כוח אויסהערן אין שבת זאכן פון ביזנעס".

ביים אנקומען אהיים האט דער ראש ישיבה געגריסט הויך "גוט שבת".

**נישט קוקן אויף א צווייטן**

מען האט זיך אוועק געזעצט אפרוען פונעם לאנגן וועג, בשעת דער ראש ישיבה האט געזעצט יעדעם לויט די עלטער. איינער פון די קינדער האבן ארויסגענומען א קאלטע באטל וואסער פונעם פרידשידער און געטיילט פאר אלע קינדער, און די קינדער האבן אנגעהויבן קוקן איינער אינעם צווייטן'ס גלעזל ווער עס האט מער, האט דער ראש ישיבה געזאגט "ס'איז נישט גוט צו קוקן אויף א צווייטן, קיינער זאל נישט קוקן און מעסטן וויפיל דער צווייטער האט, מען זאל זיך פרייען וואס מען האט פאר זיך".

**דערמאנען נאכאמאל צו פאלגן**

דער ראש ישיבה האט געהייסן אלע קינדער זאלן העלפן אנגרייטן די סעודה און ארייגברענגען גלעזלעך מיט טעלערס. איך האב באמערקט ווי די קינדער פונעם ראש ישיבה פאלגן, אבער נאך א קורצע צייט ווערן זיי פארטוהן אין זייערע שפילצייגן, און דער ראש ישיבה דערמאנט זיי יעדע זאך אפאר מאל מיטן זעלבע טאן, ווי כאילו מען זאגט זיי יעצט צום ערשטן מאל.

**זויערע חלה**

מען האט געמאכט קידוש. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה אוועק געריקט די חלה דעקל און געטראפן דארט א זויערע חלה, איינער פון די מתפללים האבן דאס געברענגט פארן ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך וויס נישט די זאך פון דעם, מענטשן זענען אזוי פארקויפט פאר די סארט זויערע חלה, מען איז אזוי פארקאכט אין דעם, מען דארף זיין פארקאכט פאר תורה און תפילה".

ביים זיך וואשן האט דער ראש ישיבה אויסגערימט פאר זיין ווייב יעדע קינד באזונדער.

**פאלגן די גבאים**

נאכדעם האט איינער פון די בחורים - א חתן געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב עס איז דא א ענין צו דאווענען דוקא אין היכל הקודש אינדערוואכן. האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט פארוואס איז עס נוגע?

האט דער בחור געענטפערט אז אזוי ווי ער האט חתונה אין די נאנטע טעג, און ער גייט וואוינען אין ירושלים, וויל ער וויסן אויב ער זאל מאכן א מנין אין בית המדרש היכל הקודש אנדערוואכן? האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "אינעם בית מדרש אין ירושלים האב איך געשטעלט גבאים, וועסטו פרעגן די גבאים וואס צו טון דארט, מען דארף פאלגן די גבאים פון בית המדרש".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געוואלט עפענען א ישיבה אין ירושלים אבער די גבאים האבן אים אפגערעדט זאגנדיג אז די בחורים דארט האבן נישט קיין שכל צו פאלגן. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט: "נארישע בחורים זיי מאכן זיך אליינס שאדן".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אפאר פרויען אין שטעטל האבן מיר געפרעגט אויב מען קען נוצן די תלמוד תורה בנין פאר א פארטי, האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט זיי זאלן פרעגן דעם מענעדשער פונעם בנין, נישט אז איך קען נישט געבן קיין רשות דאס צו טון, נאר אז מען וויל האבן הצלחה מוז יעדע פלאץ האבן איינער

<<<<



וואס איז אחראי, און אלעס וואס מען וויל דארט טון דארף מען יענעם פרעגן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער פלאנט צו געבן די וואך דעם וועכנטליכן ליל שישי שיעור אינעם נייעם בית המדרש אין בארא פארק.

### א גוטער גבאי

ביי די סעודה האט אויך געגעסן האברך אליעזר שמן נרו יאיר. ער האט פארציילט אז ער איז געווען אין בארא פארק פאר די צווייטע טעג פסח, און ער האט בטעות געלאזט זיין טלית אין קאר. איז ער געגאנגען אין שול אן א טלית. ווי נאר ער איז אריין אין שול איז דער גבאי מנשה איצקאוויטש נרו יאיר צוגעקומען און אים געגעבן א טלית, ער האט געוואלט ארויסברענגען אז דער גבאי האלט קאפ צו מאכן יעדעם באקוועם און גוט שפירן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אה דאס איז א גוטער גבאי, מנשה איז א גוטער גבאי".

בשעת די סעודה האט דער ראש ישיבה כסדר דערמאנט די קינדער צו עסן איידל.

### פארשווענדן פערציג טויזנט דאללער פאר פיר שעה??

אליעזר שמן האט געגעבן מזל טוב פאר דער ראש ישיבה פאר די לעצטע פאר שידוכים אין ישיבה, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב די וואך גערעדט מיט א מחותן און ער זאגט מיר אז ער גייט מאכן א 'געהעריגע' חתונה, האב איך אים געזאגט און פנים אריין: "ביסט א משוגע'נער! די גייסט פארשווענדן פערציג טויזנט דאללער פאר פיר שעה?? געב עס פאר די קאפל זאלן זיי קויפן א הויז!"

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מענטשן מיינען זיי טוען א טובה פאר דער ראש ישיבה אויב זיי מאכן חתונה אין ישיבה, איך טו זיי א טובה זיי זאלן נישט ווערן בעלי חבות". דער ראש ישיבה האט געלאכט און געזאגט: "פאר מיר גייט נישט אן גארנישט איך וויל נאר יענעם העלפן, און אויב יענער וויל נישט איז מיר זייער גוט".

מען האט געשמועסט פון די נייע חתנים אויב זייערע חתונות וועלן זיין אין ישיבה ווייל די עלטערן ווילן נישט קיין יאנטש" חתונה זיי ווילן א געהעריגע חתונה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א חתונה זאל זיין אין ישיבה ווענדט זיך ווי שטארק חתן כלה עקשנ'ען זיך דערויף.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך בין נאכנישט צו זיך געקומען פון די נסיעה קיין ארץ ישראל, ווער ס'איז נאכנישט געווען אין מירון ל"ג בעומר וועט עס קיינמאל נישט פארשטיין". דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב אויב ער קען מאכן בר מצוה נחמן נתן נרו יאיר נעקסטע יאר אין ארץ ישראל, עס געפאלט אויס די וואך פון ל"ג בעומר.

### "א סעודה מיטן ראש ישיבה" אין לשון קודש

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין ארץ ישראל האט מען אנגעהויבן איבער טייטשן די "סעודה מיטן ראש ישיבה" אויף לשון קודש, און די וואך איז אריינגעפאלן א טעות. ווייל נישט אלעס לייגט זיך אין לשון קודש אזוי ווי אין אידיש, צום ביישפיל אז נח האט ארויסגעשיקט א טויב פון די תיבה איז זי צוריקגעקומען מיט א בלעטל אין מויל, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זי איז צוריק געקומען מיט א בלעטל גמרא, צו ווייזן פאר נח אז דו ווילסט זיך באשיצן פונעם מבול זאלסט זיך האלטן מיטן בלעטל גמרא. אבער אין לשון קודש אז דו שריבסט די טויב איז געקומען מיט א דף גמרא, דער וואס קען נישט קיין אידיש ווייסט נישט וואס דו זאגסט וואס האט א דף גמרא מיט א עלה זית?

> "מענטשן מיינען זיי טוען א טובה פאר דער ראש ישיבה אויב זיי מאכן חתונה אין ישיבה, איך טו זיי א טובה זיי זאלן נישט ווערן בעלי חבות". דער ראש ישיבה האט געלאכט און געזאגט: "פאר מיר גייט נישט אן גארנישט איך וויל נאר יענעם העלפן, און אויב יענער וויל נישט איז מיר זייער גוט.

### קומען צום ליל ששי שיעור

אליעזר שמן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס ס'וועט זיין די יאר מיט אומאן, האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "פארוואס ביסטו נישט געקומען צום שיעור דאנערשטאג נאכט? מ'האט די וואך גערעדט דערפון." און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "ס'דא א פראבלעם אז זייט מ'האט געמאכט די זאך אז מען האלט מיט די שיעורים אין שטעטל, אין קרית יואל, מאנסי, לעקוואד, ווייס איך נישט ווער ס'קומט צום שיעור".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער וויל לאקשן קוגל? לאקשן איז **ל"א קשי"א**, אז מ'האט נישט קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן." כ'האב באמערקט ווי דער

<<<<

ראש ישיבה מאכט זיכער אז יעדער איינער עסט צו דער זעט.

### מאכן פריילך ביים סעודה

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער "וועלכע זאך איז גרעי און ס'דרייט זיך?" און דער ראש ישיבה האט אליין געענטפערט "א עלעפאנט ווען ס'איז אין א וואש מאשין..." אויך, וועלכע רויטע זאך פארט ארויף און אראפ? א טאמעיטא ווען ס'איז אין א עלעווייטאר...

דער ראש ישיבה האט געבעטן יעדעם צו זאגן א ווערטל. איין בחור האט געפרעגט פארוואס איז די נאז נישט 12 אינטשעס לאנג? ווייל דעמאלט וואלט עס געווען א פיס...

איינער האט געפרעגט, וועלכע זאך האט יעדער, קיינער וויל עס נישט האבן, און ס'שיינט? און דערנאך געענטפערט: "א שטערן. יעדער האט א שטערן, קיינער וויל נישט מען זאל אים שטערן, און א שטערן שיינט.

נאכדעם האט מען געזינגען א לאנגע ניגון וועגן דער רבי.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די געסט ווייזנדיג אויף דער קליינער יוסף: "עטס זעהט אים, ער הייסט יוסף מוקיר שבת". נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוויזן אויף מענדל און געזאגט: "ער הייסט די כשר'ע מענדל ראטה".

### הערן נאר כשר'ע ניגונים

מען האט גערעדט וועגן עפעס א נייע ניגון וואס איז לעצטנ'ס ארויסגעקומען, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "די האסט אמאל געזעהן אזא זאך?! א אינגערמאן וואס זעהט אויס חסידיש זינגט ניאוף! אויף אידיש! רחמנא לצלן.

נאכדעם האט מען געבענטשט.

כ'האב געזען ווי אינמיטן די סעודה האבן איינער פון די קינדער אנגעהויבן וויינען און דער ראש ישיבה האט אים פארשפילט, אזוי אז ער האט אינגאנצן פארגעסן ער האט אמאל געוויינט.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה געהייסן די קינדער זייער שטרענג אריינצוגיין אין בעט.

נאך די סעודה האבן מיר אויפגערוימט דער ראש ישיבה'ס שבת שטוב און דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס מיר האבן ארויסגענומען פון די סעודה? האט דער חתן געענטפערט אז מען דארף פאלגן די גבאים.

האט דער ראש ישיבה נאכאמאל אנגעהויבן זאגן אז ס'זענען דא נארישע בחורים וואס שלאגן זיך מיט די גבאים אין ירושלים, ווען די גבאים זאגן פאר בחורים אז מען זאל נישט רייכערן אין שול, זאגן די בחורים פאר די גבאים אז זיי פארשטייען נישט קיין בחורים. די אמת איז אז זיי פארשטיין טאקע נישט קיין בחורים, קיינער פארשטייט נישט קיין בחור, נו איז וואס? וועגן דעם דארף מען נישט פאלגן??

די אמת איז אז זיי פארשטיין טאקע נישט קיין בחורים, קיינער פארשטייט נישט קיין בחור, נו איז וואס? וועגן דעם דארף מען נישט פאלגן??

איין בחור האט פארציילט ווען ער איז געווען די ערשטע מאל אין דער ראש ישיבה'ס הויז, האט ער ממש נישט פארשטאנען ווי אזוי דער ראש ישיבה וואוינט אין אזא קליינע הויז מיט זיין קינדער געבענטשטע משפחה, און למעשה יעדע מאל ער איז אין דער ראש ישיבה'ס הויז ווערט עס ממש גרעסער און גרעסער...

דער ראש ישיבה האט געהערט עפעס גערודער פונעם שלאף שטוב האט ער זיך געמאכט שטרענג און געזאגט: "ווער רעדט דארט? איך גיי שוין קומען און זעהן ווער ס'איז נישט וואויל! יא יא איך האב פונקטליך געזעהן ווער ס'איז נישט וואויל" נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוואונטשן פאר יעדעם באזונדער, גוט שבת! גוט שבת!

### ארויסגענומען פון די סעודה

1) שבת רעדט מען נאר שבת'דיגע זאכן.

2) אפילו ווען מ'האט א קליינע הויז קען מען אריינגעמען געסט.

3) מען קען זיין שטרענג און פריילך אין די זעלבע צייט.

4) מען דארף פאלגן די גבאים וואס דער ראש ישיבה האט געשטעלט.

5) מען קען איבער זאגן פאר קינדער אפאר מאל און זיך נישט אויפרעגן.

בס"ד

# פריווילעגיע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

יעדע וואך
ביי אייער
טיר




פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718-387-2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס





א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
**347–578–4449**

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

א הערליכע שיינע גרויסע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר שבתים

ביטע רופט
**646-315-5897**

Nearby day camp looking for counsellors, lady's or girls

Transportation provided

Please call 646-315-5897

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
**קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.**
**און צוריק ביינאכט**
**מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.**
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
**ברוך אפעלדארפער**
**914–705–9524**

# קלאסיפיידס

ברסלב

שטיצט ברסלב

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

א שיינע איין רומיגע דירה אויף האשקי צו דינגען פאר די זומער שבתים

ביטע רופט

845-492-0566

---

*K B Management*

For all your property and landscaping needs

Call Shlome Yokobowitz

**718-306-2448**

---




---




---

מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.

צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש

917-474-6118

---

## KB Suites

הערליכע שיינע נייע אפיסעס צו פארדינגען הארט נעבן שטעטל.

פאראינטערסירטע ביטע רופן.

845-747-0444

# ענטפערס פון פאריגע וואך




## זומער אין קעמפ תשע"א

1. גדלי' אפפעל
2. לייבי אפפעל
3. קלמן וועבערמאן
4. שלמה רוטה
5. יעקב נחמן שיק
6. הערשל שניטצלער
7. דוד מאיר לעבעוויטש
8. בערל שניטצלער
9. שרגא שטראססער
10. הערשל בוים (יבניאל)

# וואו און ווער זענען זיי?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל




# דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; וֶוער וִויל הֶערְן דִי וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וֶועג אוּן אִינְמִיטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, דִי וֶועג אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעלֵייגְט מִיט וֶועגֶענֶער, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעקֶענְט מִיט זַייטִיגֶע וֶועגְן, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעדְרֵייט דִי פֶערְד זָאלְן אַרַיין פָארְן אִין וַואלְד אוּן עֶר זָאגְט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן: ״אִיךְ נֶעם אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶּער בַּאלְד וֶועט אִיר זֶען וִוי דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג״.


צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי אִיז זֵייעֶר צוּפְרֵידְן גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: ״דָאס טוּ אִיךְ, אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם וֶועג, אָבֶּער דִי נֵייעֶ וֶועג פִירְט צוּ דִי גָאר אַלְטֶע וֶועג, דִי וֶועג וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען; בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, וֶוער עֶס הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִיק הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶועג פוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, אָבֶּער יֶעצְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי, הָאבּ אִיךְ אַ נֵייעֶם וֶועג, אַ וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה; וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ צַדִיק דַארְף שׁוֹין נִישְׁט פַאסְטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק״.

אַלֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין יֶעצְט וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק; אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען בֶּעט אִים: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִיק״, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער



**שבת איז דאך אזוי גוט, אוי ווי גוט צו זיין א איד, שבת איז מיין בעסטע צייט, מיט די קינדער ביי די זייט, אזוי לעכטיג אין שטוב, אזוי רואיג**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | י | ע | פ | ב | ו | נ | מ | ש | א | ס | ס | כ | ב | ס | ט | נ | ר | ר | מ | ע | נ | צ | ח |
| ל | ז | ט | ז | ו | ס | ט | ד | ד | ז | ק | ב | ל | ה | ע | צ | ג | ל | צ | צ | ד | י | נ | ה |
| ס | ב | ג | צ | פ | א | ג | צ | פ | ו | ח | י | ל | צ | ד | ס | ד | ל | ע | כ | ט | י | ג | ב |
| כ | ו | ע | ד | מ | מ | צ | א | צ | י | ט | ר | ד | ט | י | ה | ט | ד | ק | י | ו | ז | ו | מ |
| ש | ב | ת | י | פ | ו | ה | מ | ב | ט | י | י | מ | ו | ב | ש | ס | ע | י | ו | ע | ט | ט | א |
| ד | א | ב | ק | ט | ר | ל | י | ק | ע | צ | נ | ב | ק | נ | ז | פ | ז | נ | ג | ש | נ | ט | ק |
| י | ו | ז | א | י | ה | ר | ת | נ | ז | ס | ע | נ | ט | ק | ח | ס | ע | ד | ב | ע | ל | ק | ו |
| ל | י | כ | א | מ | ו | ע | ו | ס | ק | צ | י | ב | ש | ה | צ | ח | ס | ע | ז | צ | ע | ש | א |
| א | א | י | ש | א | ו | ת | ר | ב | נ | י | ק | ק | א | כ | ד | צ | פ | ר | ה | י | ב | י | י |
| ד | נ | ס | י | י | ו | פ | ש | ח | מ | ק | כ | פ | ו | ז | ס | ו | ת | כ | ל | י | ח | נ | ז |
| ח | ח | ג | ס | ב | ד | י | י | ט | ח | ל | ח | ג | ח | ה | י | ר | י | ב | ט | ט | ב | ד | ש |
| ר | ש | מ | פ | ר | ו | ח | ר | ה | צ | א | ט | י | ו | ה | ש | א | ח | נ | ש | ב | ח | א | פ |
| ד | ל | ל | נ | ז | ו | ו | צ | א | ר | ת | ל | כ | ש | ד | צ | ז | פ | ה | צ | נ | נ | צ | ט |
| ה | ד | י | א | ג | ד | ק | ס | פ | ש | ה | ק | צ | ו | ש | ש | ר | ו | ט | ע | ז | ש | כ | ט |



העלף

נחמן נתן

אנקומען

אין פארק

שפילן

אביסל







# שיעור מיטן רבי'ן
א

אמת

**כז.** הַשֶּׁקֶר בָּא עַל יְדֵי שֶׁמְּקַבֵּל עַל עַצְמוֹ פַּחַד מִבְּנֵי אָדָם.

**טייטש.** וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא פוּן מֶענְטְשְׁן, קוּמְט מֶען צוּ זָאגְן לִיגְנְט.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | | | | |
| | | | | | 1 |
| 5 | | 4 | | | |
| | 6 | | | 2 | 4 |
| 4 | | | | 5 | |
| | | | 6 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 6 | | | 3 | | | 8 | |
| 3 | | | 7 | | 8 | | | 9 |
| 2 | 8 | | 6 | 9 | 5 | | 4 | 7 |
| | | 2 | 3 | | 1 | 4 | | |
| | 5 | | 9 | | 6 | | 1 | |
| | | 8 | 5 | | 2 | 9 | | |
| 1 | 3 | | 4 | 2 | 7 | | 9 | 8 |
| 5 | | | 8 | | 9 | | | 1 |
| | 9 | | | 5 | | | 2 | |



# חידות
אפטיילונג

**דער הייליגע רבי האט געזאגט: צווישן די גראז איז זייער גוט צו**

א. לערנען תורה

ב. האבן שיחות חברים

ג. רעדן צום אייבערשטן

ד. פארברענגען צוזאמען

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: וועלכע פון די שבטים זיצן ביים טויער פון גהנים, און לאזט נישט אריין ווער עס האט געזאגט משניות?

ענטפער: אשר בן יעקב

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**סימא קאהן תחי׳ - לעיקוואד**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה
# פרשת נשא?

## פון אויבן אראפ.

2. סיפורי מעשיות איז לויטערע _____ התורה
3. שטארק זיך, זיי ממשיך מיט דיינע _____ _____
4. אויב מען איז מקבל _____ באהבה, קומט מען אפ מיט דעם אלע עבירות
6. אויף צוויי _____ מענטשן האב איך גרויס רחמנות
7. זיי זיך נישט _____ פון אנדערע
8. אלעס דארף זיין מיט איין ציל, זיי זאלן וויסן עס איז דא א _____
9. די איינציגסטע עצה צו ווערן גערעטעוועט, איז נאר דורך לערנען די _____ _____
12. תפלה העלפט, קיין איין תפלה ווערט נישט _____
13. ווען איך וואלט _____ דעם רבי׳ן, וואלט איך זוכה געווען צו די גרעסטע מדריגות
14. דאנק דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים אז דו האסט _____ _____

## פון רעכטס צו לינקס.

1. גיי נישט אוועק פונעם באשעפער, נאך אביסל וועסטו זען גרויסע _____
5. _____ זיך און דערהאלט זיך! עס וועט אריבערגיין די שווערע טעג
7. _____ ברענגט צוריק די כח, די מח, מען ווערט ניי געבוירן
10. די ערגסטע זאך איז _____ אויפ׳ן לעבן
11. _____ קלעבט צו דעם מענטש צום אייבערשטן
15. דאנקען דעם אייבערשטן ברענגט נאך און נאך _____
16. תשובה איז אזוי גרויס, אלעס _____ פארראכטן
17. ווי מער מען חזר׳ט _____, אלץ מער ווערט מען זיכער ביי זיך
18. שטארק זיך מיט _____ צום אייבערשטן, דערציילט אלעס פאר׳ן אייבערשטן
19. מען קען נאר מקבל זיין די תורה אויב מען קוקט _____ אויף זיך



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער
## אפטיילונג



בית המדרש היכל הקודש פרימישלאן אין קרית יואל הערליך באצירט לכבוד שבועות



מען פלאסטערט אויס די פעלד אין מיידל קעמפ



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל



אפשערן פון בן ר' יואל מענדלאוויטש הי"ו מוצאי יום טוב שבועות



תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים



א תלמיד פון ירושלים חדר פארטוהן אינעם ביכל מעשה'לעך פאר קינדערלעך

בס"ד

# סימן טוב
# ומזל טוב

מיר טוען וואונטשן א הערצליכע מזל טוב
פאר ידידינו, וידיד כל בית ישראל

## מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו
## אדמיניסטראטאר קרן הדפסה
## היכל הקודש

וועלכער געבט זיך אפ מיט א זעלטענע
געטרייאשאפט און מסירות נפש אנפירנדיג די אמונה
פאבריק - "קרן הדפסה היכל הקודש", וועלכע
געבט ארויס טעגליך פון סידיס, יו עס בי"ס ביז
ספרים און קונטרסים און אלעס אינצווישן, אזוי אויך
וועכנטליך די פילע גליונות און קונטרסים להחיות
בהם בני אדם, בפרט די וועכנטליכע קונטרס עצתו
אמונה-איש אמונות.

דער אייבערשטער זאל העלפן די פילע זכותים
זאלן אים אנטקעגן קומען, ער זאל זוכה זיין צו
זען רב נחת דקדושה פון דעם קינד און פון אלע
קינדער געזונטערהייט, זיי מגדל זיין לתורה לחופה
ולמעשים טובים, און ווייטער ממשמש
זיין דעם הייליגן
רבי'ן א גאנץ לעבן.

**מערכת**
**עצתו אמונה**

# אנשי חיל



## 249 העלדן